UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khayim Plotkins “Oyf Mayne Vegn” / Chaim Plotkin’s “On My Paths”

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/336159pv

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

Author
Moshe Shklar, Moshe Shklyar

Publication Date
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

מ. ש.

# „אויף מײַנע װעגן"*)

## לידער פון חיים פלאָטקין

דאָס בוך איז אײַנגעטײלט אין זיבן אָפּטײלן: שאָפּ; מלחמה; חשבון; פון שטעטעלע אַ גרוס; ניו־יאָרקיש; אָפּגעזומערט; זאָג עס שטיל.

הגם די אָפּטײלן זענען נישט דווקא אין כראָנאָלאָגישן סדר, באַקומט זיך דאָך אַ פאַרגאַנצט בילד פון אַ ייִדישן אַרבעטס מענטש — אַ דיכטער, װעמענס װעגן זענען ענלעך צו די װעגן פון טויזנטער ייִדישע עמיגראַנטן, װאָס האָבן געפירט פון מזרח־אײראָפּע צו די ברעגן פון גאָלדענעם לאַנד — אַמעריקע. מיר האָבן פאַר זיך דעם לירישן פאַרטרעט פון אַ מענטשן — און דורך אים פון אַ דור — װאָס האָט דורכגעמאַכט נישט װייניק שװעריקייטן אין לעבן און נישט װייניק אַנטוישונגען, אָבער האָט זיך נישט אײַנגעבראָכן אונטער די לאַסטן — מיט האָפענונגען און גלױבן איז ער פאַרקוקט אין דער צוקונפט. אָזאַ איז טאַקע דער לעצטער אַקאָרד פונעם בוך:

מיך באַפאַלן די פּײַן און די שרעק,
װען כ'הייב אָן די יאָרן צו ציילן:
אויב כ'שטיי שוין באַנעט צום ברעג —
איז זאָל ער זיך ציען אויף מײַלן!

---

אָפּט מאָל בין איך בײַז אויף די שפּיגלען
װאָס װילן אָן אויפהער דערמאָנען:
— דער חלום פון אָדלערשע פליגל
איז לאַנג שוין פאַראַשט אין די פלאַמען!

— נישט אמת! איך װעל נאָך געפינען
די װעגן פון קיינעם באַטראָטן.
איך הייב אָן אויפסניי פון באַגינען
באַקרוינען די לידער מיט נאָטן.
(„פון באַגינען")

נאָכפאָלגנדיק די װעגן פונעם דיכטער קאָן מען בולט זען װי זײַן ליד װערט רײַפער מיט די יאָרן — אָפּט מאָל דערשלאָגט ער זיך צו אָריגינעלער בילדלעכקייט און גרייכט טיפער אין דער ייִדישער טראַדיציע. באַזונדערס אינטערעסאַנט זענען חיים פלאָטקינס מלחמה־לידער. מיר האָבן דאָ אַן ערשט־האַנטיקע רעלאַציע פון אַן אַמעריקאַנעם ייִדישן זעלנער, װעלכער איז מיטן פולן באַװוסטזײַן פון זײַן נאַציאָנאַלן חוב אַװעק זיך שלאָגן קעגן נאַצישן בלוט־שונא פון ייִדישן פאָלק און פון דער מענטשהייט. די דערמאָנטע לידער זענען סײַ מיט זייער בילדלעכקייט און סײַ מיט זייער לעקסיק אַ װיכטיקער בײַטראָג צו אונדזער ליטעראַטור אויף אָט דער טעמאַטיק. זיי אונטערשיידן זיך שטאַרק פון די אונדז באַקאַנטע מלחמה־לידער פון די סאָװעטיש־ייִדישע דיכטער דירעקט באַטייליקטע אין די שלאַכטן, און גלײַכצײַטיק איז פאַראַן אין זיי עפּעס געמיינזאַמס — עס איז דער אומאויסשעפּלעכער האַס צום שונא:

אויב אַ רגע פון שװאַכקייט װעט קומען
און פאַרגינען דעם דײַטש כ'װעל די זון,
זאָל דאָס ליכט פון מײַנע אויגן
װערן פאַרלאָשן
און מײַן צונג —
אין שטומקייט פאַרשלאָסן.
(„אויב")

װייניק אַנטפלעקעריש איז חיים פלאָטקין אין זײַנע לידער פון שאָפּ און אין די אורבאַניסטישע לידער (ניו־יאָרקיש), הגם אויך דאָ גיט זיך אים אײַן צײַטנװײַז אונדז צו איבערראַשן מיט דעם אָריגינעלן אופן פון זען און אויפנעמען דעם אַרום.

לויט די דאַטעס װאָס מיר געפינען אונטער די לידער קאָן מען זיך משער זײַן, אַז חיים פלאָטקין שרײַבט שוין אַן ערך אַ האַלבן יאָרהונדערט. זײַן טעמאַטיק איז אַ רײַכע, װי ס'איז צו זען פון די דערמאָנטע אָפּטײלן אינעם בוך, און גאַנץ אָפּט געפינט ער די קינסטלערישע מיטלען כדי אונדז אויפצוװײַזן מיטצוגײן אין זײַנע װעגן.

---

*) פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, תשלח־1978, 183 זײַטן. פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען פון נעמי ק. פלאָטקין.